בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

גִּלָּיוֹן

# שִׁיעוּרֵי חִינּוּךְ

אִידִישׁ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת אוּן הַדְרָכוֹת פַאר עֶלְטֶערְן, מְלַמְּדִים, מְחַנְּכִים אוּן מְחַנְּכוֹת

גליון קס"ו

מוסדות היכל הקודש ברסלב

פרשת עקב
שנת תשפ"ו

## שִׁיעוּרִים אִין חִינּוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

## - הַארְץ אוּן גֶעפִיל -

### נִישְׁט רֶעדְן בִּשְׁעַת דֶער מְחַנֵּךְ רֶעדְט

טֵייעֶרֶע מְחַנְּכִים, אֵיינֶע פוּן דִי פִיר זַאכְן וָואס דַארְפְן כְּסֵדֶר חִיזּוּק אִיז 'דֶרֶךְ אֶרֶץ' (בְּרָכוֹת לב:). מֶען דַארְף פוּן צַייט צוּ צַייט מְחַזֵּק זַיין דִי קִינְדֶער אַז מֶען מוּז זַיין שְׁטִיל בִּשְׁעַת דֶער מְלַמֵּד אָדֶער דִי לֶערֶערִין רֶעדְט.

דָאס מֶערְסְטֶע דַארְף מֶען זִיךְ שְׁטֶעלְן אוֹיף דֶעם נְקוּדָה. אֵיין מָאל דִי קִינְדֶער רֶעדְן נִישְׁט בִּשְׁעַת דֶער מְחַנֵּךְ רֶעדְט, קֶען מֶען שׁוֹין אוֹיטָאמַאטִישׁ אַרֵיינְלֵייגְן אִין זֵיי אַלֶע אַנְדֶערֶע וִויכְטִיגֶע זַאכְן, וִיבַּאלְד זֵיי זִיצְן מְמֵילָא שְׁטִיל, הֶערְן זֵיי אוֹיס וָואס מֶען רֶעדְט צוּ זֵיי. וִוידֶער אוֹיבּ דִי קִינְדֶער קֶענֶען רֶעדְן אָדֶער שְׁמוּעֶסְן מִיט אַ שָׁכֵן בִּשְׁעַת דֶער מְחַנֵּךְ רֶעדְט - אִיז אוֹיס כִּתָּה, אוּן מֶען וֶועט גָארְנִישְׁט קֶענֶען אַרֵיינְלֵייגְן אִין זֵיי.

דֶערְפַאר דַארְף מֶען זַיין זֵייעֶר שְׁטַארְק מִיטְן פַארְלַאנְגֶען פוּן דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זַיין אִינְגַאנְצְן שְׁטִיל בִּשְׁעַת מֶען רֶעדְט; מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט בֵּייגְן אִיבֶּער דֶעם אוֹיף קַיין שׁוּם פַאל. עֶס מֵיינְט נִישְׁט אַז מֶען זָאל שְׁלָאגְן אָדֶער פַּיינִיגְן אַ קִינְד וָואס הָאט גֶערֶעדְט, אָבֶּער מֶען דַארְף זַיין זֵייעֶר שְׁטַארְק בַּיי זִיךְ אִין מֹחַ אַז 'וֶוען אַ מְלַמֵּד אָדֶער אַ לֶערֶערִין רֶעדְט - טָאר מֶען נִישְׁט רֶעדְן, אוּן מֶען וֶועט נִישְׁט רֶעדְן'.

### אָנְרֵייצְן דִי קִינְדֶער מִיט פְּרָאגְרַאמֶען

אִינְמִיטְן יָאר אִיז כְּדַאי צוּ מַאכְן אַ פְּרָאגְרַאם אִין כִּתָּה, מֶען זָאל אוֹיסְטֵיילְן קַארְטְלֶעךְ אוּן פוּנְקְטְן פַאר דִי קִינְדֶער וָואס פִירְן זִיךְ אוֹיף מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ. מֶען זָאל זֵיי אָנְרֵייצְן אוּן זָאגְן: **"אוֹיבּ מֶען וֶועט זִיךְ אוֹיפְפִירְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, וֶועט מֶען אִין אַפָּאר וָואכְן אַרוּם מַאכְן עֶפֶּעס אַ מֶעכְטִיגֶע זַאךְ; מֶען קֶען אָבֶּער נָאכְנִישְׁט אוֹיסְזָאגְן וָואס דִי בַּאלוֹינוּנְג וֶועט זַיין".**

דִי עֶרְשְׁטֶע וָואךְ זָאל מֶען אָנְרֵייצְן דִי קִינְדֶער אַז מֶען קֶען נָאכְנִישְׁט אוֹיסְזָאגְן וָואס דִי בַּאלוֹינוּנְג וֶועט זַיין. דִי צְוֵוייטֶע וָואךְ זָאל מֶען שׁוֹין אוֹיסְזָאגְן אַז דִי בַּאלוֹינוּנְג וֶועט זַיין צוּ גֵיין זִיךְ גְלִיטְשְׁן אוֹיף דִי שְׁנֵיי (אָדֶער עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ). דִי דְרִיטֶע וָואךְ קֶען מֶען צוּלֵייגְן אַז עֶס וֶועט זַיין נָאךְ עֶפֶּעס אִינְטֶערֶעסַאנְט וָואס מֶען קֶען דֶערְוַוייל נִישְׁט אוֹיסְזָאגְן, אוּן דִי פֶערְטֶע וָואךְ קֶען מֶען שׁוֹין אוֹיסְזָאגְן אַז מֶען וֶועט אוֹיךְ פָארְן צוּ אַ צִיוּן פוּן אַ צַדִּיק (וְכַדוֹמֶה). אַזוֹי קֶען מֶען מַאכְן פַאר דִי קִינְדֶער אַ שְׁטַארְקֶע רֵייץ זִיךְ אוֹיפְצוּפִירְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ.

מֶען דַארְף נִישְׁט נֶעמֶען דִי קִינְדֶער אוֹיף קַיין אִיבֶּערְגֶעטְרִיבֶּענֶע מֶעכְטִיגֶע אוֹיסְפְלוּגְן; עֶס אִיז נִישְׁט גוּט פַאר זֵיי. מֶען דַארְף עֶנְדֶערְשׁ מַאכְן פָּשׁוּטְ'ע זַאכְן אוּן עֶס אַרָאפְּלֵייגְן גֶעשְׁמַאק אוּן אִינְטֶערֶעסַאנְט, כְּדֵי דִי קִינְדֶער זָאלְן בַּאקוּמֶען אַ רֵייץ דֶערְצוּ.

### אַרְבֶּעטְן מִיט הַארְץ אוּן גֶעפִיל

מֶען דַארְף אָבֶּער וִויסְן: אֲפִילוּ לְגַבֵּי דֶרֶךְ אֶרֶץ אוּן דִיסְצִיפְּלִין מוּז מֶען זַיין זֵייעֶר פֶעסְט אוּן אַנְטְשְׁלָאסְן, אִין אַ בְּחִינָה פוּן 'יִקּוֹב הַדִּין אֶת הָהָר' - דֶער דִּין מוּז דוּרְכְלֶעכֶערְן דֶעם בַּארְג, דָאס מֵיינְט, מֶען מוּז פַארְלַאנְגֶען אוּן מְחַנֵּךְ זַיין דִי קִינְדֶער צוּ דֶרֶךְ אֶרֶץ אָן קַיין שׁוּם רַחְמָנוּת אָדֶער נָאכְגֶעבִּיגְקֵייט אוּן פְּשָׁרוֹת; אַ וָוארְט פוּן אַ מְחַנֵּךְ מוּז זַיין אַ וָוארְט, אוּן מֶען טָאר נִישְׁט וֶוערְן צֶעפַאלְן וֶוען אַ קִינְד וֵויינְט אָדֶער מוּטְשֶׁעט.

פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט אָבֶּער, מוּז מֶען זִיךְ בַּאצִיעֶן צוּ יֶעדְן קִינְד מִיט הַארְץ אוּן גֶעפִיל. צוּם בֵּיישְׁפִיל: אוֹיבּ מֶען הָאט אַ קִינְד אִין כִּתָּה וָואס זַיין נַאטוּר אִיז זֵייעֶר אֵיידְל אוּן שְׁטִיל, אוּן עֶר וִויל נִישְׁט רֶעדְן הוֹיךְ וֶוען מֶען פְרֶעגְט אִיבֶּער דִי לִימוּדִים וְכַדוֹמֶה, טָאר מֶען אִים נִישְׁט צֶעגְרַאדְזֶען אוּן צְוִוינְגֶען צוּ עֶנְטְפֶערְן הוֹיךְ. פַארְקֶערְט, מֶען דַארְף מְחַזֵּק זַיין דָאס קִינְד וִוי 'אֵיידְל' עֶר אִיז, אוּן אִים זָאגְן אַז 'בּוּשָׁה' אִיז אֵיינֶע פוּן דִי שֶׁענְסְטֶע מִידוֹת בַּיי אִידְן, וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (נְדָרִים כ.) אַז עֶס אִיז נִישְׁט קַיין גוּטֶער סִימָן אוֹיבּ אַ אִיד הָאט נִישְׁט אִין זִיךְ קַיין בּוּשָׁה.

אַזוֹי אוֹיךְ אוֹיבּ אַ קִינְד הָאט זֵייעֶר מוֹרָא פוּן גֶעוִויסֶע זַאכְן, טָאר מֶען נִישְׁט חוֹזֶק מַאכְן פוּן זַיינֶע פְּחָדִים, נָאר מֶען דַארְף אִים בַּארוּאִיגְן אַז מֶען מֶעג מוֹרָא הָאבְּן, אוּן עֶס אִיז גָארְנִישְׁט אוֹיבּ מֶען הָאט מוֹרָא.

### נִישְׁט לֵייגְן קַיין דְרוּק

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט אַ שֵׁיינֶע מַעֲשֶׂה וָואס הָאט פַּאסִירְט בַּיי אוּנְז אִין שׁוּלֶע 'בֵּית פֵיגָא'. עֶס אִיז אַיינְגֶעפִירְט אִין דִי שׁוּלֶעס צוּ מַאכְן אַ פָארְשְׁטֶעלוּנְג מִיט דִי קִינְדֶער לְכָבוֹד חֲנוּכָּה. אִין אֵיין כִּתָּה אִיז דָא אַ קִינְד וָואס אִיז זֵייעֶר שֶׁעמֶעדִיג אוּן צוּרִיקְגֶעצוֹיגְן; זִי עֶפְנְט נִיטְאַמָאל אוֹיף אִיר מוֹיל בָּרַבִּים, אוּן זִיכֶער קֶען זִי נִישְׁט טַאנְצְן אָדֶער זִינְגֶען פָארְנְט פוּן אַנְדֶערֶע קִינְדֶער. דוּרְכְאוֹיס דִי פַאר וָואכְן וָואס מֶען הָאט זִיךְ גֶעגְרֵייט צוּ דִי פָארְשְׁטֶעלוּנְג, הָאט דִי לֶערֶערִין כְּסֵדֶר בַּארוּאִיגְט דָאס קִינְד אוּן אִיר גֶעזָאגְט: **"אוֹיבּ דוּ וֶועסְט וֶועלְן וֶועסְטוּ מִיט טַאנְצְן, אוּן אוֹיבּ דוּ וֶועסְט נִישְׁט וֶועלְן - דַארְפְסְטוּ נִישְׁט; עֶס וֶוענְדְט זִיךְ אִין דִיר"**. דִי לֶערֶערִין הָאט אַסַאךְ גֶערֶעדְט צוּ דִי קִינְדֶער פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן נִישְׁט גֶעלֵייגְט קַיין שׁוּם אִיבְּרִיגֶע דְרוּק אוֹיף דָאס קִינְד. וֶוען מֶען הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן דִי פָארְשְׁטֶעלוּנְג אִיז גֶעשֶׁען אַ וואוּנְדֶער, פְּלוּצְלִינְג אִיז דָאס קִינְד אַרוֹיפְגֶעקוּמֶען אוֹיפְן בִּימָה אוּן מִיט גֶעטַאנְצְן אִינְאֵיינֶעם מִיט אַלֶע אַנְדֶערֶע קִינְדֶער!

מֶען זֶעט פוּן דֶעם, אַז אוֹיבּ מֶען אַרְבֶּעט מִיט אַ קִינְד מִיט הַארְץ אוּן גֶעפִיל, אָן צְוִוינְגֶען אוּן לֵייגְן דְרוּק, קֶען מֶען אָנְקוּמֶען גָאר וַוייט.

פינקט ווי מען קען נישט עפענען א פארמאכטע בלומעלע מיט א צווענגל אין איין סעקונדע מיט געוואלד, נאר מען דארף עס טון שטייטעליך און צוביסלעך, אזוי אויך איז עס ביי קינדער; אויב מען ארבעט שטייטעליך מיט הארץ און געפיל, קען מען עפענען א קינד עס זאל אויסוואקסן א שיינע רויז.

ווען איך הער אזעלכע מעשיות אויף אונזער מוסד, ווי אזוי די מחנכים ארבעטן מיט די קינדער מיט אזויפיל הארץ און געפיל, און זענען אזוי פארזיכטיג נישט צו צעקלאפן א קינד, דאנק און לויב איך דעם אייבערשטן: **"מה אשיב לה' כל תגמולוהי עלי - איך דאנק דיך הייליגער באשעפער אז מיר האבן אזעלכע געטרייע איינגעשטעלטע וואס ארבעטן מיט די קינדער מיט הארץ און געפיל".**

## פארוואס זענען די קינדער אזוי שווער?

מחנכים מוזן גוט עסן און גוט שלאפן, ווייל אויב מען איז הונגעריג אדער מיד, קען מען חס ושלום שנעל ווערן אויפגערעגט און צוקומען צו שלאגן וכדומה; אבער אויב מען איז זאט און אויסגערוט, גייט דער גאנצער טאג פיל גרינגער.

א מלמד האט מיר געפרעגט: **"ווי אזוי קען זיין אז איך האב טעג ביי מיר אין כתה וואס איך שפיר ממש א טעם גן עדן, און געוויסע טעג שפיר איך ווי איך האלט עס מער נישט אויס און איך וויל אריינגיין צום מנהל זאגן אז איך וויל אויפגעבן דאס מלומדות?"**

איך האב געטראכט צו מיר: דער מציאות איז דאך אז נישט יעדער מענטש איז געאייגנט צו זיין א מלמד. אויב איינער טויגט נישט צו מלומדות, מיינט דאס נאכנישט אז ער האט א חסרון; מען קען זיין דער גרעסטער תלמיד חכם און צדיק און דאך נישט טויגן צו זיין א מלמד. צו קענען פירן א כתה איז א 'חכמה ואינה מלאכה'; מען דארף כאפן דעם מהלך ווי אזוי איינצושטעלן א שטארקע דיסציפלין אויף אן אופן אז עס זאל ווייטער הערשן א פריילעכע און לופטיגע אטמאספערע. עס איז נישט קיין עסק אז די קינדער זאלן ציטערן פאר שרעק פונעם מחנך. און דאס צו באווייזן איז א 'חכמה' און א מתנה פונעם אייבערשטן.

א מענטש דארף זיך נישט שפירן צעקלאפט אויב ער קען נישט פירן א כתה. פינקט אזוי ווי ווען מען זעט איינעם וואס קען זייער גוט שפילן אויף א פידל, פארשטייט יעדער אז יענער האט טאקע א הערליכע טאלאנט, אבער איך בין נישט מתפעל צו זיין אזוי ווי אים, און ער דארף נישט מתפעל זיין צו זיין אזוי ווי מיר; יעדער זאל זיין דאס וואס ער איז. דאס זעלבע איז מיט פירן א כתה, איינער וואס מוטשעט זיך א גאנץ יאר צו האלטן זיין כתה אין די ראמען און עס גייט אים נישט, מיינט דאס פשוט אז ער איז נישט געאייגנט פאר די ארבעט, און ער קען זייער שיין מצליח זיין אין אנדערע ענינים.

דערפאר האב איך געפרעגט דעם מלמד: **"ווי אפט זענען די שווערע טעג?"** האט ער מיר געענטפערט: **"געוויינליך איין מאל א וואך, צומאל צוויי מאל א וואך, אבער נישט מער".** דאן האב איך פארשטאנען, אויב רוב יאר איז זייער געשמאק אין כתה און עס שפירט זיך ממש א טעם גן עדן, און נאר איין אדער צוויי מאל א וואך איז נישט קיין דרך ארץ, מוז לכאורה זיין אז דאס איז דעם מחנך'ס אן אייגענע פראבלעם וואס האט צוטון מיט זיין סדר היום. עס קען דאך נישט זיין אז די קינדער זענען יעדע וואך 'פיר טעג' צדיקים און 'איין טאג' דאס פארקערטע. דעריבער האב איך אים געפרעגט צי עס קען זיין אז די שווערע טעג האבן א שייכות מיטן גיין שלאפן שפעט.

דער מלמד האט מיר טאקע געענטפערט, אז עס מאכט זיך דורכאויס די וואך איין אדער צוויי נעכט וואס ער הערט אויס נייעס האטליינס ביז דריי אזייגער פארטאגס, און צומארגנס מוטשעט ער זיך זייער שטארק מיט די קינדער אין כתה.

האב איך געזאגט פארן מלמד: **"אויב אזוי, דארפסטו גיין שלאפן פריער, וועסטו קענען אויפשטיין פרי, גיין דאווענען באצייטנס, זיך אביסל מתבודד זיין מיטן אייבערשטן, עסן א ברויט אדער א גוטע זיסע געבעקס, און דערנאך גיין אין כתה אפווארטן די קינדער. אויב דו וועסט אזוי אנהייבן דעם טאג, וועסטו האבן אינגאנצן אן אנדערן טאג".**

ווייל ווען מען פארברענגט די נעכט מיטן אויסהערן אינטערוויוס אויף די נייעס האטליינס וואס זענען הבל הבלים, גייט מען שלאפן שפעט און מען שטייט אויף אין די לעצטע מינוט. דערנאך לויפט מען נאך דעם גאנצן טאג, מען איז אויסגעמוטשעט און נערוועז, און אויף יעדע קליינע רוק וואס א קינד געבט - שרייט מען גלייך: **"האק נישט!"**

## מידערהייט איז אלעס שווערער

די זעלבע זאך קענען עלטערן זען ביי זיך אינדערהיים מיט די קינדער; ווען מען איז מיד, ווערט מען נערוועז פון יעדע קליינינקייט.

למשל, אויב מען האט א קינד וואס פויקט א גאנצן צייט מיט די הענט אויפן טיש; אויב מען איז אויסגערוט און פריילעך שטערט עס נישט אזוי שטארק, אבער אויב מען איז מיד, שפירט עס זיך ווי איינער האקט אין קאפ אריין.

ביי מיר אינדערהיים איז געווען א צייט וואס איינער פון די קינדער האט אריינגעברענגט די זאך פון פויקן, און עס איז אריבערגעגאנגען פון איינעם צום צווייטן און צום דריטן, ביז אלע האבן אנגעהויבן צו פויקן פון אינדערפרי ביז ביינאכט. מען האט געהאקט אויפן טיש, אויפן וואנט, און וואו נישט...

איך קום אהיים שבת ביינאכט און איך וויל מאכן א שיינע סעודה; איך הייב אן צו זינגען: **"שלום עליכם מלאכי השלום"**, און פלוצלינג הייבט מען אן צו האקן. האב איך געזען אן אינטערעסאנטע זאך: אויב בין איך געשלאפן פרייטאג נאכמיטאג, האט מיר דאס האקן נישט אזוי שטארק געשטערט; פארקערט, איך האב עס אנגעקוקט אלס א חלק פון די פריילעכקייט ביי די סעודה. אבער אויב בין איך נישט געשלאפן, איז עס מיר געווען זייער שווער; איך האב געשפירט ווי מען איז מיך מזכה, מען פרובירט מיך אויס פון הימל צי איך וועל זיך אויפרעגן, און איך האב זיך געדארפט אנרופן איינגעהאלטנערהייט מיט א שטילע קול: **"האק נישט, עס שטערט מיך", "האק נישט, עס שטערט מיך".**

דאס זעלבע פלעגט זיין חנוכה ביים צינדן די מנורה. אויב בין איך געגאנגען אין מקוה פארן צינדן און געבעטן דעם אייבערשטן: **"רבונו של עולם, איך וויל זיין פריילעך"**, און מיינע קינדער האבן געהאקט אינמיטן זינגען די זמירות און ניגונים, האט מיר עס געשטערט נאר אביסל; איך האב געהערט די האקערייען אבער נישט אזוי שטארק. אויב אבער איך האב פארגעסן צו בעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל זיין פריילעך, דעמאלט האט מיר עס זייער שטארק נערוועז געמאכט.

## אפווארטן די קינדער פאר פרישטאג

דער קליינער שטיקל נאר פארן ספר: מען האלט יעצט נאכן הייליגן יום טוב חנוכה, נאכדעם וואס מען איז געגאנגען שלאפן שפעט און מען איז געווען אביסל נאכגעלאזט מיט די זמנים. מען דארף זיך יעצט באנייען און צוריקקומען צו די קינדער צייטליך מיט די גאנצע פרישקייט.

אזוי ווי עס איז דער סדר אין די מוסדות, אז ווען די קינדער קומען אן, לויפן זיי נישט גלייך אריין אין עס-זאל עסן פרישטאג, נאר זיי גייען קודם אריין אין כתה, לייגן אראפ

## המשך שיעורים אין חינוך

פונעם ראש ישיבה שליט"א

זייערע זאכן, און ערשט נאכדעם גייען זיי אין עס-זאל, איז זייער וויכטיג מען זאל שוין אפוואַרטן די קינדער אין כּתּה נאך פאר זיי עסן פרישטאג, און געבן פאר יעדן קינד אַ שמייכל און אַ גוט ווארט.

אויב דער מלמד זעט בּיי אַ קינד אַז זיינע פּיאות זענען צעפּלאָטשקעט, אָדער אַ לערערין זעט בּיי אַ קינד אַז אירע האָר זענען צעפּלאַטשקעט; בּיי יונגע קינדער זאָל דער מחנך עס אַליין פאַררעכטן, און בּיי עלטערע קינדער זאָל דער מחנך זאָגן פאַרן קינד עס אַליין מסדר צו זיין.

### דאַווענען מיט מנין און גיין אין מקוה

מחנכים דאַרפן זיין יראי השם. אַ מלמד דאַרף דאַווענען שחרית, מנחה און מעריב מיט מנין, און גיין יעדן אינדערפרי אין מקוה.

מוהרא"ש שרייבּט אַז מען דאַרף זיין זייער פאַרזיכטיג אויפצונעמען מענטשן מיט יראת שמים אויף פיר פּאָזיציעס: 'מלמדים, שוחטים, סופרים און חזנים', ווייל די פיר סאָרט מענטשן פאַרטרעטן כּלל ישראל. דער הייליגער בּעל שם טוב זכותו יגן עלינו האָט געזאָגט, אַז די גאַנצע וועג ווי אַזוי דער משיח שקר שבתי צבי ימח שמו האָט געקענט מכשיל זיין אַזויפיל אידישע קינדער, איז געווען דורך דעם וואס ער האָט אַריינגעשטעלט זיינע מענטשן אַלס מלמדים, שוחטים, סופרים און חזנים. דערפאַר דאַרפן מלמדים, שוחטים, סופרים און חזנים דאַווענען שחרית, מנחה און מעריב מיט מנין, און גיין יעדן אינדערפרי אין מקוה.

מיר האָבן געעפנט אין אַמעריקע אַ שטעטל 'קרית ברסלב', וואו אַנשי שלומינו וואוינען אינאיינעם און שטאַרקן זיך מיט די עצות און חיזוק פונעם הייליגן רבי'ן. איך טראַכט זייער אַסאך: איך האָף אַז איך וועל נישט דאַרפן אָפּגעבן קיין דין וחשבון אויבן אין הימל אויף דעם וואס מיר האָבן נאָכנישט קיין מנינים צום דאַווענען דורכאויס דעם גאַנצן טאָג, אַזוי ווי עס איז דאָ אין די גרויסע שטעט. דאס טאָר אָבער נישט זיין קיין תּירוץ פאַר קיינעם נישט צו דאַווענען מיט מנין, און זיכער נישט פאַר מלמדים; אַ מלמד מוז זיך אָנשטרענגען אויפצושטיין פרי און דאַווענען מיט מנין.

ווי אַזוי קען מען האַלטן דרשות פאַר די קינדער וועגן דאַווענען, אין די צייט וואס דאָס אייגענע דאַווענען איז נישט ווי עס דאַרף צו זיין?!

### אויסניצן יעדע מינוט פונעם טאָג

מחנכים דאַרפן וויסן: אָנהייב טאָג מוז מען זיין זייער פאָרזיכטיג אויסצוניצן די צייט צום לערנען און דאַווענען. די הפסקה אינמיטן פאַרמיטאָג טאָר נישט נעמען מער פון פופצן מינוט.

אַפילו סוף טאָג, ווען מען קען שוין נישט געהעריג לערנען מיט די קינדער, טאָר מען אויך נישט מאַכן צו לאַנגע הפסקות; מען דאַרף אויסניצן יענע צייט אויסצולערנען די קינדער שרייבן, כּדי זיי זאָלן נישט אויסוואַקסן קיין בּעלי מומין, נאָר זיי זאָלן קענען שרייבן בּריוו וכדומה; אויך דאַרף מען זיי אויסלערנען רעכענען. אָבער אָנהייב טאָג איז קריטיש וויכטיג אויסצוניצן יעדע מינוט אַריינצולייגן אין די קינדער די לימודים, חומש, משניות אָדער גמרא.

דער אייבערשטער זאָל העלפן, איר זאָלט האָבן הצלחה און סייעתּא דשמיא, אָמן.

## בּריוון פון חינוך

פונעם ראש ישיבה שליט"א

### קען אַ מלמד אויך אָנקומען צו לערנען שיעורים כּסדרן?

**שאלה:**

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

יישר כּח פאַר די שיינע עצות וואס איז ממש מיין לעבן; דעם פאַרגאַנגענעם מוצאי שבּת האָב איך געלערנט בּערך זיבּעציג פּרקים משניות, אויך האָב איך געלערנט איין טאָג די וואך פערצן בּלאַט גמרא; איך האָב זיך אַזוי מחיה' געווען.

איך בּין אַ מלמד, און איך האָב געזען אַ בּריוו וואס דער ראש ישיבה שליט"א האָט געשריבן פאַר אַ מלמד: "לייג אַלעס אַוועק, לאָז אָפּ דיינע שיעורים, יעצט נעם מלמדות פאַר דיין עבודת השם"; וויל איך פרעגן אויב איך זאָל טאַקע אָפּלאָזן מיינע שיעורים כּסדרן, אָדער אויב עס שטערט נישט די מלמדות איז עס נישט קיין פּראָבּלעם?

יישר כּח

**תשובה:**

בּעזרת ה' יתבּרך - יום א' פּרשת בּא, כ"ט טבת, שנת תשפ"ב לפרט קטן

לכבוד ... נרו יאיר

איך האָב ערהאַלטן דיין בּריוו.

מען קען טון בּיידע, עס איז דאָ צייט פאַר אַלעס; אַז מען היט די צייט, מען לעבט מיט אַ סדר - קען מען אָנקומען זייער אַסאך. דער הייליגער רבּי זאָגט (לקוטי מוהר"ן חלק ב, סימן נה): "רוח העולם הזה אין לשער", מען קען זיך נישט פאָרשטעלן וואס מען קען אַלץ פאַרדינען בּזה העולם.

שטאַרק זיך מיט די הייליגע אַרבּעט פון מלמדות. חכמינו זכרונם לברכה זאָגן (בּבא בּתרא ח:), אויפן פּסוק (דניאל יב, ג): "'ומצדיקי הרבּים ככּוכבים לעולם ועד' אלו מלמדי תּינוקות", אַ מלמד וואס לערנט תּורה מיט אידישע קינדער איז צוגעגליכן צו די שטערנס פון די וועלט, אַזוי ווי עס איז נישט מעגליך אָפּצוציילן די שטערנס פון די וועלט - אַזוי קען מען נישט אָפּציילן די גרויסע זכותים וואס אַ מלמד האָט.

ווען עס קומט צו טון פאַר די קינדער, אָפּגערעדט אין די צייט פון חדר, די צייט וואס מען דאַרף זיין מיט די קינדער - דעמאָלט איז זיכער אַז מען דאַרף אַלעס לייגן אין די זייט און נאָר זיין פאַרנומען מיט די קינדער, אַזוי אויך, אויב איז דאָ זייטיגע צייטן, דאַרף מען דעמאָלט טון פאַר די קינדער; מען קען זיך דעמאָלט אָנגרייטן די למודים פאַר די קומענדיגע טעג, אָדער מאַכן אינטערעסאַנטע פּראָגראַמען וכו' וכו' - דעמאָלט זאָלסטו אַלעס לייגן אין די זייט; דאָס מיין איך אינעם בּריוו: "לייג אַוועק אַלעס, לאָז אָפּ דיינע שיעורים, יעצט נעם מלמדות פאַר דיין עבודת השם", און אין די איבּריגע צייט - דעמאָלט קען מען לערנען שיעורים כּסדרן.

איך בּין אַמאָל געווען בּיי מוהרא"ש זכותו יגן עלינו מיט נאך איינעם, יענער האָט געבּעטן אַז מוהרא"ש זאָל מיר הייסן אויפהערן לערנען מיינע שיעורים, יענער האָט געזאָגט בּפני: "מוהרא"ש זאָל זאָגן

# בריוון פון חינוך

פונעם ראש ישיבה שליט"א

פאר יואל זאל נאר מחזק זיין בחורים, יואל טאר נישט לערנען, זיין לערנען איז אן עבירה, ענדערש זאל ער רעדן מיט נאך א בחור און נאך א בחור"; די מעשה איז געווען אז איך האב דעמאלט געלערנט זייער אסאך, און יענער איינגערעדט האט מיר כסדר געזאגט אז איך טאר נישט לערנען, איך דארף נאר רעדן מיט בחורים, זיי מחזק זיין, און איך האב אים געזאגט: "איך פארשטיי אז איך דארף אויך לערנען; אויב מוהרא"ש וועט מיר זאגן אנדערש – וועל איך פאלגן"; מוהרא"ש קוקט אויף אונז און זאגט אונז מיט א שמייכל: "עס איז דא צייט פאר ביידע, עס איז דא צייט צו מחזק זיין בחורים, און צייט פאר לערנען תורה".

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

...

(קונטרס עצתו אמונה פרשת בא, שנת תשפ"ב)

## מאך יעדן קינד פאר א העלד, האב ליב יעדן קינד

בעזרת ה' יתברך – ד' פרשת מקץ, כ"ח כסליו, ד' דחנוכה, שנת תשפ"ב לפרט קטן

**לכבוד מיין טייערער ליבער ... נרו יאיר, מלמד בתלמוד תורה היכל הקודש ברסלב, ליבערטי**

ווער נישט פארלוירן פון קיין שום זאך. געדענק דיינע קינדערישע יארן, געדענק וואס מוהרא"ש לערנט אונז, אז קינדער זענען קינדער, קינדער זענען ווילד, קינדער ווילן נישט לערנען, קינדער ווילן זיך נאר שפילן, און אונזער ארבעט איז – זיי צו מאכן לערנען, אונזער ארבעט איז – זיי צו מאכן פאלגן.

ווער נישט דערשראקן ווען א טאטע זאגט דיר אז די קינדער זאגן: "די יאר האבן מיר נישט מורא, ווייל דער רבי איז נישט שטרענג, דער רבי שלאגט נישט, דער רבי טוט גארנישט"; ווער נישט אויסער זיך פון וואס די קינדער זאגן, און זיכער נישט וואס עלטערן זאגן דיר.

ווען עלטערן רופן דיך מיט טענות – זאלסטו אויסהערן וואס זיי זאגן; הער פון זיי אינפארמאציע, הער צו יעדעס ווארט, און נאכדעם זאלסטו טון וואס דו האסט צו טון; זאלסט נעמען די למודים וואס דו האסט געלערנט אין ישיבה, די למודים פון מוהרא"ש און מיט אסאך סבלנות און ליבשאפט זיי ווייטער מחנך זיין.

איך בין יעצט ארויסגעקומען אין שטעטל. יעצט איז אינמיטן די נאכט, איך שרייב דיר יעצט נאכן פארן א לאנגע וועג; איך האף מארגן צו מאכן א באזוך ביי דיר אין כיתה, דיך מחזק זיין.

בנוגע דעם קינד הילד ... נרו יאיר וואס דו זאגסט אז ער איז דיך נישט גורס, ער איז קאלט, טרוקן וכו' וכו'; וויל איך דיר פרעגן, וואס וואלסטו געטון ווען ער איז דיין זון? וואס וואלסטו געטון ווען ער איז דיין ברודער? חס ושלום זאגן אויף א אידיש קינד ער איז א קאלטער, א טרוקענער וכו' וכו', די אלע נעמען; דו רעדסט אזוי ווי די פלשתים וואס האבן פארשטאפט אלע ברונעמס וואס די הייליגע אבות האבן געגראבן (בראשית כו, טו), אונזער עבודה איז צו גראבן ביי יעדן איד און טרעפן א ברונעם וואסער, מים חיים; נישט פארשטאפן חס ושלום.

אז א קינד איז פארמאכט, פארשלאפן – איז א סימן אז ער גייט אריבער עפעס א שווערינקייט אין לעבן. פערצופאל האלט איך מיט וואס טוט זיך ביי אים אין שטוב, ער קומט פון א צעבראכענע שטוב, די עלטערן זענען ערגעץ אין א צווייטע פלאץ, די קינדער גייען אריבער זייער שווערע יארן; אלע ברידער און שוועסטער זענען אזוי געווען, איך האב אסאך געארבעט מיט זיינע געשוויסטער.

דעריבער בעט איך דיר זייער, מיין טייערער ליבער תלמיד, איך האב דיך אויסגעוועלט צו זיין פון אונזער ארמיי – זאלסטו זיין א גוטער סאלדאט, א בראווער גענעראל און נישט לאזן חס ושלום קיין איין קינד בלייבן פארשטאפט. זוך א גריבעלע ביי אים אין הארץ, זוך וואסער. קום מיר דערציילן די גוטע בשורה וואס די עבדי אבות האבן דערציילט (שם, לב): "מצאנו מים!" זוך אין אים א פלאץ, מאך אים א העלד, מאך יעדן קינד פאר א העלד, האב ליב יעדן קינד, ובפרט די קינדער וואס עס דארף נאך אריינגיין אין זיי אסאך ארבעט – זאלסטו נאכמער ליב האבן.

לייג אוועק אלעס, לאז אפ דיינע שיעורים, לאז אפ אלעס; יעצט זאלסטו נעמען מלמדות פאר דיין עבודת השם. זיי פעלזן פעסט, ווער נישט צעפאלן פון קיינעם, אל תירא ואל תחת מאף אחד שבעולם! לערן אויס די קינדער זיי זאלן זיך נישט טשעפען, לערן זיי אויס צו זיין הייליג.

איין שיעור זאלסטו נישט מותר זיין, עצתו אמונה; דאס זאל זיין דיין וועג ווייטער, דיין חזוק, דיין מוסר ספר, דיינע שיעורים כסדרן.

איך בעט פאר דיר שטענדיג.

...

(קונטרס עצתו אמונה פרשת ויגש, שנת תשפ"ב)

צו באקומען וועכנטליך דעם גליון, ביטע שרייבט צו: chinuchgilyon@gmail.com

קול ברסלב

קול ברסלב – שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה און נאך
212-444-9191 / 845-351-0910
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 4383008080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינע 11552354370

קוואל פון אמונה (פרויען) – שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעסעפיס; און נאך
845-351-9060 / 212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363 / קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com / טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876